# פֿאַרשפּעטיקט
# פֿון אבֿרם רייזען

די ביסעלע קאָרן, וואָס אַנטאָש האָט אַראָפּגענומען פֿון זײַן שטיקל פֿעלד, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, האָט ער שוין צוזאַמען מיט זײַן עלטערן אַכצן־יעריקן סערגייען צעדראָשן און עס צעמאָלן אין דער נאָענטער וואַסער-מיל, וואָס איז אויף צוויי רעדער, און אויף דעם בוידעם באַהאַלטן צו ווינטער אויף ברויט. נאָר איין פּוד קאָרן האָט ער אין אַ זעקעלע אַרײַנגעשטאַנען, פֿאַרבונדן עס מיט אַ שטריקעלע און אין שטעטל אויפֿן מאַרק אַוועקגעפֿירט. אויפֿן מאַרק זענען יִדן איינער נאָך דעם אַנדערן צוגעקומען אַלע ווײַלע צום וואָגן, געטאַפּט דאָס זעקעלע און געפֿרעגט:

— טשאַהאָ מאַיעש נאָפּראָדאַניע Чого маєшь на проданьe: וואָס פֿאַרקויפֿט איר?

אויף וואָס אַנטאָש פֿלעגט אָן שטאָלץ ענטפֿערן:

— זשיטאָ Жито: קאָרן.

און די יִדן האָבן געדונגען און געדונגען, געוויגן און געוויגן מיט זייערע בעזמענס безмен: האַנט־וואָגשל און געבאָטן פּרײַזן פֿון 40 קאָפּ' ביז אַ האַלבן רובל, און אַנטאָש פֿלעגט די פּרײַזן אויסהערן, קראַצן זיך אין פּאַטעליצע און בעטן פֿינף גילדן ביז ער פֿלעגט אַראָפּנעמען אויף פֿיר גילדן. בײַ פֿיר גילדן האָט ער זיך אײַנגעעקשנט און ס'האָט ניט געהאָלפֿן שוין מער קיין דינגען זיך.

— טשעטירע זלאָט Четыре злотых: פֿיר זלאָטעס! — האָט ער געטענהט.

פֿאַרנאַכט אָבער, אַז די יִדישע מאַרק-סוחרים זענען זיך צוגעגאַנגען און

מער שווין צו אים ניט צוגעגאַנגען, איז ער שווין מיט זײַן ביסל סחורה אַראָפּגעפֿאַלן, און האָט שווין געזוכט אַ סוחר פֿאַר אַ האַלבן רובל.

דער איינציקער הענדלער, וואָס איז אויף דעם מאַרק געבליבן, חנן דער קורצער, האָט שוין דאָס ביסל מזומן, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט צום מאַרק, אויסגעגעבן, און ער האָט דערפֿאַר מיט אַ האַלבן מויל געבאָטן נאָר דרײַ גילדן:

— טרי זלאָטיך, קאָלי האָטשעש Три злотых, колы хочэш: דרײַ זלאָטעס, אויב איר ווילט.

און אַנטאָש, וואָס האָט געדאַרפֿט דאָס געלט אויף זייער נויטיקע זאַכן צו קויפֿן, אָן וואָס ער האָט אַהיים ניט געקאָנט פֿאָרן, האָט מיט האַרצווייטיק אָוועקגעגעבן פֿאַר דרײַ גילדן. דערהערט, אַז ער וויל שוין אַוועקגעבן, האָט חנן אין דער רעכטער זײַט האַרצן דערפֿילט אַ קלאַפּ פֿון פֿרייד, וואָס אים מאַכט זיך צו קויפֿן אַ „מציאה“, פֿון וואָס ער וועט האָבן אַ ריינעם צענערעל רווח, אין דער לינקער זײַט האַרצן האָט אים אָבער אַ קלאַפּ געטאָן פֿאַר האַרצווייטיק, וואָס גאָט ווייסט, צי די מציאה וועט אים אָנקומען, ווײַל זײַן קאַפּיטאַל האָט זיך איבערן מאַרקס-טאָג אינגאַנצן אויסגעלאָזט.

פֿונדעסטוועגן האָט חנן די האָפֿענונג און דעם בטחון, מיט וואָס ער האָט מער געהאַנדלט, ווי מיט ריינעם קאַפּיטאַל ניט פֿאַרלוירן, און האָט געהייסן אַנטאָשן פֿירן די סחורה צו זײַן שפּײַכלערל. דאָרט בײַם שפּײַכלער האָט ער געמאַכט שותּפֿות מיט אַ רײַכערן הענדלער; יענער האָט געצאָלט, און אַנטאָש האָט באַקומען דרײַ זילבערנע גילדן. ער האָט זיי באַקוקט פֿון אַלע זײַטן, געפֿרעגט עטלעכע מאָל: „צי ניע פֿאַלשיווע?“ און, אַז די צוויי שותּפֿים האָבן אים באַרויִקט, אַז ס'איז אמתע גוטע געלט, האָט ער זיי אַרײַנגערוקט טיף אין בוזעם און זיך געלאָזן מיטן וועגעלע צו אַ קרעטשמע אין מאַרק. דאָרט האָט ער צוגעבונדן דעם פֿערד צום סלופּ

פֿון גאַניק און איז אַוועק נאָך נויטיקע זאַכן.

ער האָט געקויפֿט צוויי טעפּ זאַלץ, וואָס די אַנטאָשיכע האָט אים אָנגעזאָגט למע"ש צו ברענגען, דרײַ פּעקעלעך צו אַכט גראָשן מאַכאָרקע, אַ פּאָר פֿונט זייף צו זעקס קאָפּיקעס, אַ קרענצל בייגעלעך — אַ „גאָסטינעץ גостинець: מתּנהלע" פֿאַר די קליינע קינדער, און פֿאַר דאָס איבעריקע איז ער אין קרעטשמע אַרײַן און געמאַכט אַ כּוסע, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָר דערוועקט און האָט פֿריילעך אָנגעהויבן שמועסן מיט די איבעריקע פּויערים.

— פּוד זשיטאָ פּראָדאַל Пуд жита продал: פֿאַרקויפֿט אַ פּוד קאָרן! — האָט ער, כּטובֿ לבו ביין, איינעם פֿון די פּויערים דערציילט, — אָשוקאַלי זשידי: טרי זלאָטיך דאַלי ... מאַלאָ ошукали жиди три злотих дали, мало: די ייִדן האָבן מיך אָפּגענאַרט, געגעבן בלויז דרײַ זלאָטעס; צו ווייניק!

דער אַנדערער פּויער, וועלכער איז געווען רײַכער פֿאַר אַנטאָשן, האָט אויף אים אַ פֿאַראַכטלעכן בליק געוואָרפֿן און מיט גדלות געענטפֿערט:

— טשטאָ — פּוד זשיטאָ! יאַ דעסיאַט פּראָדאַל ... פּאָנימאַיעש — что — пуд жита? Я десять продал ... Понимаешь: וואָס? אַ פּוד קאָרן? איך האָב פֿאַרקויפֿט צען. פֿאַרשטייסט?

אַנטאָש האָט מיט קינאה אַ קוק געטאָן אויפֿן פּויער, געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, נאָר זײַן שוואַך קעפּל איז שוין אַ ביסל באַרוישט, האָט ער נאָר אַ קרים געטאָן מיט די ליפּן, אַרויס פֿון קרעטשמע האַלב פֿריילעך האַלב אומעטיק, זיך געזעצט אויף זײַן קליינער דראַבינע драбина: רעדל־וואָגן און זיך געלאָזט פֿאָרן אַהיים אין דאָרף אַרײַן, וואָס האָט זיך געפֿונען פֿינף ווערסט פֿון שטעטל.

* * *

עס איז פֿאַרגאַנגען אַ חודש. דער אָסיען האָט זיך אונטערגערוקט, די טעג זענען געוואָרן קלענער און די נעכט גרעסער און אין אַנטאָשס קליין שטיבעלע האָט מען שוין באַדאַרפֿט בייַנאַכט אַ לעמפּעלע ברענגען. דאָס ליימענע פֿלעשל, וואָס אַנטאָש האָט בייַ אַ טעפּער מיט דרייַ יאָר צוריק געקויפֿט פֿאַר אַכט גראָשן, איז אַ טרוקענע געשטאַנען און ס'איז ניט געווען פֿאַר וואָס נאַפֿט צו קויפֿן. אויסער דעם איז שוין דאָס זאַלץ אויך באַלד אויסגעגאַנגען, פֿון די זייף, וואָס ער האָט געקויפֿט, איז נאָר אַ שטיקעלע געבליבן. פֿון די מאַכאָרקע איז נאָר געבליבן אויף אַ פּאָר טעג, און אַנטאָש האָט זיך געקראַצט אין פּאַטעליצע, געשפּייַט און אַלץ געוואָרטשעט:

— סאָלי ניעמע, מידלאַ ניעמאַ, מאַכאָרקע נעמאַ, ניטשעהאָ, ניעמע, קעפּסקי אינטערעס соли нэма, мидла нэма, махорка нэма, ничого нема, кепськи интерес: קיין זאַלץ, קיין זייף, קיין מאַכאָרקע, איך האָב גאָרניט; אַ שאָד.

פֿאַרדינען האָט אָנטאָן ניט געהאַט װוּ: דער איינציקער ייִד , וואָס האָט אין דאָרף געוווינט, איז אַליין זייער אָרעם געווען, און אַנטאָש האָט געהאַט נאָר איין האָפֿענונג: פֿאַר סוכּות אָנצוהאַקן אַ פֿולן וואָגן „סכך“, און פֿירן עס אין שטעטל אַרייַן און פֿאַרקויפֿן עס פֿאַר אַ פּאָר פֿערציקער. אַלע יאָר טוט ער אַזוי, זייַט ער האָט דאָס פֿערדל זייַנס , פֿאַר וועלכער ער האָט אָפּגעצאָלט אויפֿן יריד זעקס רובל.

— קאָלי, או וואָס בודויע קוטשקי Колы у вас буде кучки: ווען וועט זייַן סוכּות? — האָט ער גלייַך נאָך ראָש השנה אַלע טאָג אָנגעהויבן פֿרעגן דעם ייִדן, וואָס האָט געוווינט אין דאָרף.

— יעשטשע מנאָהאָ! ещё много: נאָך לאַנג! — פֿלעגט אים דער ייִד ענטפֿערן.

— עליע קאָלי! Алэ колы: אָבער פינקטלעך — פֿלעגט אַנטאָש רוען ניט לאָזן.

דער ייִד וועלכער האָט ניט געפֿילט אַנטאָשס נויט, האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן, ניט פֿיל טראַכטנדיק:

— יעשטשע טיזשדען! Ещё тыждень: נאָך אַ וואָך!

אין אמתן איז ניט מער געווען ווי פֿינף טעג צו סוכּות, און אַנטאָש האָט אויסגערעכנט, אַז צוויי טעג פֿאַר „קוטשקי" איז די רעכטע צײַט צו פֿירן די סכך אין שטעטל: דאָס איז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום-טובֿ ...

ער איז דעם טאָג פֿרי אויפֿגעשטאַנען, איבערגעביסן אַ שטיק גראָב, שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט געטונקט אין אַליין צעשטויסענע זאַלץ, פֿאַרטרונקען מיט אַ קוואָרט קאַלט וואַסער, האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס האַלב הונגעריק, האַלב פֿאַרשלאָפֿן פֿערדל, גענומען די האַק און זיך געלאָזט אין די נאָענטע וועלדער.

ער האָט זיך גענומען האַקן די שטעכעדיקע צווײַגן איינע נאָך דער אַנדערער. געקליבן האָט ער אַלץ גערדיכטערע און לענגערע; בעסערע סחורה פֿאַרקויפֿט זיך גיכער! האָט ער דערבײַ געטראַכט. דער וואָגן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן, ער האָט גערעכנט לכּל הפּחות לייזן פֿאַר זײַן סחורה אַ גילדן דרײַ, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ס'איז נאָך ווייניק און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלייגט די צווײַגן. ענדלעך איז דער וואָגן פֿול געוואָרן. אַנטאָש האָט אים באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן און איז צופֿרידן געבליבן.

— דאַוואָלנאַ בודיע Довольно будэ: דאָס וועט קלעקן! — האָט ער פֿאַר זיך הויך אַרויסגעברומט און גענומען דאָס פֿערד פֿאַרן צוים.

אַז ער איז אָבער אָפּגעפֿאָרן אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם וואָגן.

— אַ מאָזשע מאַלאָ בודזיע А может мало будэ? וועט דאָס זײַן צו ווינציק? — האָט ער זיך פּלוצעם דערשראָקן, האָט אויסגעהאַקט נאָך פֿינף צווײַגן און האָט זיך גענומען פֿאָרן שוין אויף זיכער.

ער איז געפֿאָרן לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט, און לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט זענען אויך אַזוי אין קאָפּ זײַנע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן גיין גיכער פֿאַר דאָס פֿערדל. אַנטאָש האָט גערעכנט, וויפֿל זאַלץ וועט ער קענען קויפֿן און וויפֿל זייף, וויפֿל „גאַזע“ און וויפֿל מאַכאָרקע, פֿאַר דעם געלט, וואָס ער וועט אָפּלייזן אין שטעטל בײַ די ייִדן. ענדלעך האָט אים דער חשבון פֿאַרמאַטערט און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט האָבן די צוויי גילדן אין האַנט, וועט אים גרינגער זײַן צו באַרעכענען, ווי אַזוי אַלץ אײַנצוקויפֿן, און נאָך דעם באַשלוס איז פֿון אים ווי אַ משׂא אַראָפּ.

* * *

אַז ער איז מיט זײַן וואָגן אַרײַנגעפֿאָרן אין אָנהייב שטעטל און האָט דערזען די סוכּות שוין באַדעקט מיט סכך, האָט זיך אים ווי עפּעס אָפּגעריסן אינווייניק און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די סוכּות און די הײַזער — אַלע דרייען זיך און שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָר איז אַזוי: אַ סך „זשידקעס“ דעקן צו פֿריִער און אַ סך שפּעטער. דערפֿאַר איז שפּעטער טײַערער.

— דאָראָזשיי וואַזמו Дорожей возьми: בעט אַ העכערן פּרײַז! — האָט ער באַשלאָסן, און אַנגעסטן האָבן אים באַלאָגן.

ער איז געפֿאָרן ווײַטער. אויפֿן גאַנג זענען צוויי ווײַבער, איינע אַ יונגע און איינע אַן עלטערע. זיי האָבן געטײַט מיט די פֿינגער און האָבן געקײַכט פֿאַר

געלעכטער.

— טשאַהאָ ווי סמעיעטעם Чого вы смиетэсь: פֿאַרוואָס לאַכט איר? — האָט אַנטאָש מיט כּעס געפֿרעגט.

— באָ טי טאַק ראַנאָ אוזש סכך ווזעש Бо ты так рано уж схах вэзэш: איר ברענגט אַזוי פֿרי דעם סכך — האָבן זיי אים לאַכנדיק געענטפֿערט.

— יאַק טאָ ראַנאָ Як то рано? וואָס זאָגט איר, „פֿרי“? — האָט אַנטאָש דאָס לאַכן ניט פֿאַרשטאַנען.

— ראַנאָ ... ראַנאָ ... — האָבן די פֿרויען געלאַכט.

— מפּי! — האָט אַנטאָש מיט צאָרן אויסגעשפּיגן און זיך געלאָזט ווײַטער, טראַכטנדיק:

— יאַק טאָ Як то: אָט אַזוי ... בערקע האָט אַליין געזאָגט — „זאַ טיזשדען“ за тыждень: די גאַנצע וואָך. איך האָב דאָך אַזוי גוט געחשבונט: נאָך צוויי טעג. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט פֿון יענער צײַט אָן, זײַט בערקע האָט אים געזאָגט, אפֿשר ניט גוט געצאָלט. ער האָט פֿאַרשפּעטיקט! געוויס, געוויס! אַלע סוכּות זענען שוין באַדעקט מיט סכך ... ער וועט בלײַבן אָן זאַלץ, אָן מאַכאָרקע, אָן זייף, אָן „גאַזע“ ...

טרויעריק האָט ער געפֿירט דאָס פֿערדל, וועלכעס האָט קענטיק געשפּירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דאָ שטייט פֿאַר זײַן בעל-הבית, און האָט זיך קוים געשלעפּט, אַראָפּגעלאָזן דעם מידן קאָפּ זײַנעם.

דערווײַל זענען די בעלי-בתּים שוין גענומען גיין ביסלעכווײַז פֿון שול, אויסגעפּוצט יום-טובֿדיק מיט די טליתים און די מחזורים אין די הענט.

דערזעענדיק לכתּחילה דעם פּויער מיטן וואָגן סכך, האָבן זיי ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָבן דערשטוינט געקוקט אײנער אויפֿן אַנדערן. נאָך זייער קוקן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן: אפֿשר האָבן זיי אַ טעות געהאַט און פֿריִער סוכּות געמאַכט?
...

— טשאַהאָ טי וועזעש Чого ти вэзэш: וואָס טראָגט איר? — האָט אים אײנער אַ פֿרעג געטאָן.

— יאַק טשאַהאָ Як чого? וואָס מיינט איר, „וואָס“? — האָט אַנטאָש תּמעוואַטע אויסגעשטעלט די אויגן — סכך וועדו נאַ „קוטשקי“. קופּיטע, האָלובטשיקי! קופּיטע Схах везу на “кучки”. Купите, голубчики, купите: איך טראָג דאָך סכך פֿאַר סוכּות. קויפֿט־זשע, גוטע פֿרײַנט! — האָט ער זיך גענומען בעטן מיט אַ וויינענדיק קול.

די ייִדן האָבן זיך פֿונאַנדער געלאַכט.

— וואָס דאַרף מען איצטער סכך? דוריען дурень: נאַר דו! עס איז דאָך שוין יום-טובֿ — האָט אים אײנער געגרייצט.

נאָר אַנטאָש איז פֿון גרויס אומגליק ווי צעטומלט געוואָרן און האָט געשריגן, קראַצנדיק זיך אין דער פּאַטעליצע און האַלב ווייענדיק:

— קופּיטע, קופּיטע! סאָל טרעבע, מידלאָ טרעבע, גאַזאַ טרעבע ... Купите, купите! Соль трэба, мыдло трэба, газа треба: קויפֿט, קויפֿט! איך דאַרף זאַלץ, איך דאַרף זייף, איך דאַרף נאַפֿט.

דער עולם ייִדן, וועלכער האָט אָנפֿאַנגס געלאַכט פֿון דער גאַנצער סצענע, איז גערירט געוואָרן. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויפֿן אָרעמען דאַרן פּויערל, דערזען זײַן פֿאַרצווייפֿלטן פּנים און אַ געפֿיל פֿון מיטלייד האָט זיך

אין זייערע הערצער דערוועקט.

— אַן אָרעמער גוי, אַ ביטערער רחמנות! — האָט איינער אַרויסגעזאָגט, פֿאַרקרימענדיק מיט ווייטיק זײַן פּנים.

— עס וואָלט געווען אַ יושר אָפּצוקויפֿן בײַ אים די סכך, האָט נאָך איינער פֿאָרגעלייגט — ס'איז אַ חילול-השם.

— אום יום-טובֿ, ווי אַזוי? האָט אַ צווייטער אָפּגעשלאָגן די פֿאָרלענונג.

— עס איז אויף האָלץ ווערט דאָס געלט — האָט איינער געשאַצט, באַטראַכטנדיק דעם פֿולן וואָגן מיט דעם סכך.

— ווערט הײַנט, ווערט מאָגן! אַז ס'איז יום-טובֿ...

— סאָל ניעמאַ, גאַזאַ ניעמאַ ... מידלאַ ניעמאַ ... האָט דער פּויער געזונגען זײַן לידעלע, ניט פֿאַרשטייענדיק, וואָס די ייִדן רעדן אויף זייער לשון, נאָר פֿילנדיק, אַז מען טראַכט וועגן אים עפּעס גוטס.

— שאַ! ער דאַרף גאָר קיין געלט ניט, ער דאַרף סחורה. סחורה אָן געלט מעג מען געבן אום יום-טובֿ אויך! — האָט איינער געבוירן גאָר אַ נײַע אידייע.

דער עולם איז לעבעדיק געוואָרן. עס האָט זיך געפֿונען צווישן רעדל ייִדן אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַט דערבײַ אַ קראָם.

— גיב אים, חיים, אַ פּאָר טעפּלעך זאַלץ מיט נאָך דאָרטן, וואָס ער דאַרף. גיב אים אויף אַ פּאָר גילדן. אַ רחמנות! מיר וועלן אַלע לײַדן דעם היזק...

— נו, נו, מהיכא־תּיתי! — האָט זיך ר' חיים אָנגעכאַפּט — אַן אָרעמער גוי

טאַקע אַ רחמנות ...

— אַ מיצווה, אַ מיצווה! ווי איך בין אַ ייִד! — האָט יעדערער פֿון עולם געוואַרעמט.

חיים האָט צוגערופֿן דעם גוי, נאָך וועלכן דאָס גאַנצע רעדל איז נאָכגעגאַנגען, האָט געעפֿנט די קראָם און האָט אים געגעבן: צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פֿלעשל נאַפֿט און צוויי פעקלעך מאַכאָרקע.

דער פויער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן פֿאַר שׂמחה, צי לאַכן, צי וויינען, ער איז נאָר אין שטאַנד געווען צו מורמלען:

— דויענקויע! דויענקויע Дзенькуе: אַ דאַנק!

— נאַ טעביע יעשטשע на тебе ещё: נעמט נאָך חלה! — האָט אים פּלוצלינג, אַז ער האָט שוין די סחורה איַינגעפּאַקט, עמעצער אונטערגעטראָגן — דו וועסט ברענגען אַהיים.

— נאַ טעביע יעשטשע! — האָט אים נאָך איינער דערלאַנגט נאָך אַ שטיק.

— נאַ יעשטשע!

— יעשטשע!

— יעשטשע!

און מען האָט אַנטאָשן גענומען טראָגן פֿון אַלע זײַטן חלה.

ער איז אַ צעטומלטער געוואָרן און האָט קוים געקאָנט אויסרעדן: „דויענקויע“.

דער עולם איז געווען צופֿרידן און יאַנקל לייבעס, אַ פֿריילעכער ייִד, וואָס האָט געמאַכט יום-טובֿ פֿון דער פֿולער האַנט און אַראָפּגעבראַכט אַ חזן צו גאַסט, האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ גלעזל בראָנפֿן.

— נאַ פּיי! אי פּאָיעזשאַי זבאָנאָם דאָמאָי На пей. И поезжай з богом домой: טרינקט דאָס, און גייט אַהיים, מיט גאָטס הילף!

אַנטאָש האָט אין דער גיך אַרײַנגעגאָסן דאָס גלעזל בראָנפֿן אין מויל, פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל חלה און האָט פֿריילעך אויסגעשריגן:

— ניקאָלי, ניע זבוד Ніколи не забуд! איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן!

— איר ווייסט, ניט קיין שלעכטער ערל — האָט איינער פֿון דעם רעדל אַ זאָג געטאָן.

— וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל דיך איצטער שלאָגן? — האָט איינער אַ שמייכל געטון.

דער עולם איז בײַם וואָרט „שלאָגן“ אומעטיק געוואָרן, און מען האָט זיך גענומען ביסלעכווײַז פֿונאַנדערגיין.